# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע

**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות.................6:00
מוצאי שב"ק..................7:30

**שיעורים כסדרן**
נ"ך.........................יחזקאל ו-ז
בבלי.......................קידושין ס"ב
ירושלמי....................חלה א
תוספתא....................דמאי ג'
רמב"ם......................שקלים א'

פרשת בראשית, כ"ט תשרי, שנת תשפ"ד לפ"ק
שנה 13, גליון 2 (622)

# אַ וָואוֹרְט אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

בְּרֵאשִׁית בָּרָא אֱלֹקִים אֵת הַשָּׁמַיִם וְאֵת הָאָרֶץ. דֶער מֶדְרָשׁ זָאגְט (בְּרֵאשִׁית רַבָּה א', ט"ו) דִי בֵּית שַׁמַּאי זָאגְן אַז דִי הִימְל אִיז קוֹדֶם בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן אוּן דֶערְנָאךְ דִי עֶרְד, אוּן דִי בֵּית הִלֵּל זָאגְן אַז דִי עֶרְד אִיז קוֹדֶם בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן אוּן דֶערְנָאךְ דִי הִימְל, קוּמְט רֶבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחַאי אוּן עֶר זָאגְט: אִיךְ וואוּנְדֶער מִיךְ וִוי אַזוֹי דִי בֵּית שַׁמַּאי אוּן בֵּית הִלֵּל קְרִיגְן זִיךְ וָואס עֶס אִיז קוֹדֶם בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן, וַוייל אִיךְ זָאג אַז בֵּיידֶע זֶענֶען בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן אִינְאֵיינֶעם, אַזוֹי וִוי אַ טָאפּ מִיטְן דֶעקְל.

מוֹהֲרָא"ש אִיז דָאס מַסְבִּיר אַז דֶער עִיקָר תַּכְלִית פוּן אַ מֶענְטְשׁ אוֹיף דִי וֶועלְט אִיז צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן סַיי מִיט רוּחְנִיוּת אוּן סַיי מִיט גַשְׁמִיוּת, וֶוען אַ אִיד וִויל זַיין עֶרְלִיךְ דַארְף עֶר נִישְׁט אַוֶועק וַוארְפְן זַיין גַאנְצֶע גַשְׁמִיוּת, נָאר פַארְקֶערְט, מֶען קֶען דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיךְ מִיט דִי גַשְׁמִיוּת, וֶוען מֶען פִירְט זִיךְ אַזוֹי וִוי דִי הֲלָכָה אִיז, אַזוֹי וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהֵייסְן.

דָאס אִיז פְּשַׁט אִין מֶדְרָשׁ, דִי בֵּית שַׁמַּאי זֶענֶען דָאךְ שְׁטֶענְדִיג גֶעגַאנְגֶען מִיט הַארְבְּקַייט מִיט שְׁטְרֶענְגְקֵייט, דֶערְפַאר הָאבְּן זֵיי גֶעהַאלְטְן אַז מֶען קֶען דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן נָאר מִיט רוּחְנִיוּת, מֶען דַארְף זִיךְ אִינְגַאנְצְן אָפְּשֵׁיידְן פוּן דִי וֶועלְט, דֶערְפַאר זָאגְן זֵיי אַז דִי הִימְל אִיז בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן פְרִיעֶר, אַז מֶען דַארְף דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן נָאר מִיט הִימְל זַאכְן.

וִוי דִי גְמָרָא דֶערְצֵיילְט (שַׁבָּת לא.) אַז עֶס זֶענֶען גֶעקוּמֶען גֵרִים צוּ שַׁמַּאי זִיךְ צוּ מְגַיֵּיר זַיין הָאט עֶר זֵיי אַוֶועק גֶעשְׁטוּפְּט, אָבֶּער הִלֵּל הָאט זֵיי יָא מְקַרֵב גֶעוֶוען, וַוייל זַיין שִׁיטָה אִיז גֶעוֶוען צוּ מְקַרֵב זַיין אֲפִילוּ דִי וָואס לִיגְן נָאךְ אִין גַשְׁמִיוּת, דֶערְפַאר זָאגְט עֶר אַז דִי עֶרְד אִיז פְרִיעֶר בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן, אַז מֶען קֶען דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיךְ מִיט עֶרְד זַאכְן, מִיט גַשְׁמִיוּת'דִיגֶע זַאכְן.

קוּמְט רֶבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחַאי אוּן זָאגְט: אִיךְ פַארְשְׁטֵיי בִּכְלַל נִישְׁט דִי גַאנְצֶע מַחְלוֹקֶת, עֶס אִיז אַלֶעס אֵיינְס, גַשְׁמִיוּת מִיט רוּחְנִיוּת, מֶען קֶען מִיט אַלֶעס דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, פוּן אֵיין זַייט דַארְף מֶען לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען, אוּן פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט קֶען מֶען לֶעבְּן אַ גוּטֶע לֶעבְּן אוֹיף דִי וֶועלְט אוֹיךְ, וִוי לַאנְג מֶען גֵייט נִישְׁט אַוֶועק פוּן שֻׁלְחָן עָרוּךְ, מֶען פִירְט זִיךְ וִוי דִי הֲלָכָה הֵייסְט.

דֶערְפַאר זָאגְט עֶר דִי הִימְל אוּן עֶרְד זֶענֶען בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן אִינְאֵיינֶעם וִוי אַ טָאפּ מִיטְן דֶעקְל, וַוייל עֶס אִיז אַלֶעס אֵיינְס.

ווארּיל אִיז דֶער מֶענְטְשׁ וָואס וֵוייסְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אִיבֶּעְרָאל אִין יֶעדֶע מַצָּב, אוּן מִיט אַלֶעס קֶען מֶען דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

(תּוֹךְ הַנַּחַל סְעוּדָה שְׁלִישִׁית בְּרֵאשִׁית תשס"ח לפ"ק)

***

וַיִּתְפְּרוּ עֲלֵה תְאֵנָה וַיַּעֲשׂוּ לָהֶם חֲגֹרֹת. חַז"ל זָאגְן (סַנְהֶדְרִין ע:) אַז דִי עֵץ הַדַּעַת אִיז גֶעוֶוען פוּן אַ פַייגְן בּוֹים, בְּדָבָר שֶׁקִּלְקְלוּ בּוֹ נִתְקְנוּ.

מוֹהֲרָא"ש אִיז דָאס מַסְבִּיר לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן ע"ו) אַז וֶוען מֶען לֶערְנְט תּוֹרָה זָאל מֶען נִישְׁט מַקְפִּיד זַיין גְלַייךְ צוּ פַארְשְׁטֵיין אַלֶעס וָואס מֶען לֶערְנְט, וַוייל אוֹיבּ מוּז מֶען אַלֶעס גְלַייךְ פַארְשְׁטֵיין דֶעמָאלְט הֵייבְּט מֶען בִּכְלַל נִישְׁט אָן, אוּן מֶען הֶערְט אִינְגַאנְצְן אוֹיף צוּ לֶערְנֶען.

אוּן דִי זֶעלְבֶּע אִיז בַּיי יֶעדֶע זַאךְ, אוֹיבּ וִויל מֶען עֶס טוּהְן נָאר בִּשְׁלֵימוּת אוֹיפְן בֶּעסְטְן אוֹפָן, טוּט מֶען דֶערְנָאךְ גָארְנִישְׁט, אוּן אוֹיבּ פְּרוּבִּירְט מֶען צוּ טוּהְן כָאטְשׁ וָואס אוּן וִוי אַזוֹי מֶען קֶען, קוּמְט מֶען אַסַאךְ מֶער אָן.

דֶער מֶדְרָשׁ זָאגְט (בַּמִּדְבָּר רַבָּה יב, ט) אוֹיפְן פָּסוּק (מִשְׁלֵי כ"ז) נוֹצֵר תְּאֵנָה יֹאכַל פִּרְיוֹ. פַארְוָואס אִיז דִי תּוֹרָה צוּגֶעגְלִיכְן צוּ אַ תְּאֵנָה, צוּ אַ פַייגְן בּוֹים, וַוייל אַזוֹי וִוי אַ פַייגְן בּוֹים נֶעמְט מֶען נִישְׁט אַרָאפּ אַלֶע פְּרוּכְט אוֹיף אֵיין מָאל, וַוייל זֵיי וֶוערְן נָאר גֶעצַייטִיגְט צוּבִּיסְלֶעךְ, דִי זֶעלְבֶּע דִי תּוֹרָה קֶען מֶען נִישְׁט לֶערְנֶען אִין אֵיין טָאג, יֶעדְן טָאג לֶערְנְט מֶען אַבִּיסְל בִּיז מֶען קוּמְט אָן אַסַאךְ. אוּן דָאס וַוייזְט אוּנְז אַז מֶען קֶען נִישְׁט אַלֶעס כַאפְּן אוֹיף אֵיין מָאל, אַז אַלֶעס זָאל גְלַייךְ קְלַאפְּן אִינְגַאנְצְן, אָבֶּער צוּבִּיסְלֶעךְ קֶען מֶען אָנְקוּמֶען גָאר אַסַאךְ.

אוּן דָאס אִיז גֶעוֶוען דֶער פְּגַם פוּנֶעם עֵץ הַדַּעַת, אַז מֶען הָאט צוּגֶעלֵייגְט צוּ וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהֵייסְן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהֵייסְן נָאר אַז עֶר זָאל נִישְׁט עֶסְן פוּנֶעם בּוֹים, אָבֶּער אַזוֹי וִוי עֶר הָאט גֶעוָואלְט אַז עֶס זָאל הוּנְדֶערְט פְּרָאצֶענְט בִּשְׁלֵימוּת הָאט עֶר צוּגֶעלֵייגְט אַ גֶדֶר אַז עֶר זָאל אוֹיךְ נִישְׁט אָנְרִירְן דֶעם, אוּן דָאס הָאט צוּגֶעבְּרֶענְגְט אַז עֶר הָאט נָאכְדֶעם גֶעגֶעסְן דֶערְפוּן אוֹיךְ.

אוּן דֶערְפַאר אִיז זַיין תִּיקּוּן אוֹיךְ גֶעוֶוען מִיט דִי פַייגְן בּוֹים, אַז עֶר זָאל זִיךְ אָפְּלֶערְנֶען פוּן דִי פַייגְן אַז מֶען קֶען נִישְׁט זַיין גְלַייךְ אִינְגַאנְצְן בִּשְׁלֵימוּת, נָאר טוּהְן צוּבִּיסְלֶעךְ וִויפִיל מֶען קֶען, אוּן וִוי אַזוֹי מֶען קֶען, אוּן אַזוֹי אִיז מֶען זֵייעֶר מַצְלִיחַ.

(תּוֹךְ הַנַּחַל לֵיל שב"ק בְּרֵאשִׁית תשע"א)

# מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט
## שַׁבָּת בְּרֵאשִׁית

דֶעם שַׁבָּת רוּפְט מֶען "**שַׁבָּת בְּרֵאשִׁית**", דָאס אִיז נִישְׁט נָאר וַוייל מֶען לֵיינְט דִי וָואךְ פַּרְשַׁת בְּרֵאשִׁית, נָאר אוֹיךְ וַוייל דֶער שַׁבָּת אִיז "רֵאשִׁית" - דֶער עֶרְשְׁטֶער שַׁבָּת פוּנֶעם יָאר, אוּן מִיט דֶעם הֵייבְּט מֶען אָן דִי יָאר, עֶס אִיז דֶער קָאפּ פוּנֶעם יָאר, אוּן וִוי אַזוֹי מֶען פִירְט זִיךְ אוֹיף דֶעם שַׁבָּת אַזוֹי וֶועט מֶען זִיךְ פִירְן אַ גַאנְץ יָאר, וַוייל דֶער גוּף גֵייט נָאכְן קָאפּ.

דֶערְפַאר אִיז גוּט דֶעם שַׁבָּת אַרַיינְצוּטְרַאכְטְן אוּן זִיךְ מַאכְן אַ חֶשְׁבּוֹן הַנֶּפֶשׁ אוּן אַ פְּלַאן וִוי אַזוֹי אוֹיסְצוּנִיצְן דִי יָאר וָואס קוּמְט מִיט גוּטֶע זַאכְן, מִיט רֶעדְן אַסַאךְ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן זִיךְ מַאכְן שִׁיעוּרִים אִין דִי תּוֹרָה, אַזוֹי וֶוערְט אוֹיךְ גֶעבְּרֶענְגְט פוּן הֵיילִיגְן "דִבְרֵי חַיִּים" זי"עַ אַז שַׁבָּת בְּרֵאשִׁית הָאט עֶר זִיךְ מְסַדֵּר גֶעוֶוען זַיינֶע שִׁיעוּרִים אוֹיף דִי גַאנְצֶע יָאר.

אוּן אוֹיבּ מֶען וֶועט אוֹיסְנִיצְן דֶעם שַׁבָּת וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, מִיט גוּטֶע רְצוֹנוֹת, וָואס מֶען וִויל דָאס יָאר טוּהְן, וֶועט נָאכְדֶעם קוּמֶען אַ גוּטֶע יָאר, פִיל מִיט אַלֶע גוּטֶע זַאכְן.

לָאמִיר אִיבֶּערְגֵיין עֶטְלִיכֶע גוּטֶע נְקוּדוֹת וָואס מֶען קֶען זִיךְ פָארְנֶעמֶען יֶעצְט שַׁבָּת בְּרֵאשִׁית אוֹיף דִי גַאנְצֶע יָאר.

<<<<<<

# א גוט ווארט

הָאבּ נִישְׁט מוֹרָא אַז דִי וֶוערְטֶער זֶענֶען נִישְׁט אַרוֹיסְגֶעזָאגְט גֶעוָוארְן אוֹיפְן רִיכְטִיגְן וֶועג, דוּ זָאג וַוייטֶער גְמָרָא, מִשְׁנַיוֹת - אֲפִילוּ מִיט גְרַייזְן, בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז זֵייעֶר בַּאלִיבְּט וֶוען אַ אִיד לֶערְנְט תּוֹרָה אוּן וֶוען מֶען דַאוֶוענְט, אֲפִילוּ עֶס אִיז גְרַייזִיג. אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ הַקְּדוֹשִׁים זָאגְן (שִׁיר הַשִּׁירִים רַבָּה ב, טו): "אָמַר רַבִּי אַחָא, עַם הָאָרֶץ שֶׁקּוֹרֵא לְאַהֲבָה אֵיבָה, כְּגוֹן וְאָהַבְתָּ וְאָיַבְתָּ, אָמַר הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא 'וְדִלּוּגוֹ עָלַי אַהֲבָה'", אַן עַם הָאָרֶץ וָואס זָאגְט דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי תּוֹרָה מִיט גְרַייזְן; אַנְשְׁטָאט זָאגְן: "וְאָהַבְתָּ אֵת ה'" מֶען זָאל לִיבּ הָאבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זָאגְט עֶר מִיט אַ גְרַייז "וְאָיַבְתָּ" מֶען זָאל פַיינְט הָאבְּן חַס וְשָׁלוֹם - זָאגְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער (שִׁיר הַשִּׁירִים ב, ד): "וְדִלּוּגוֹ עָלַי אַהֲבָה", אִיךְ הָאבּ לִיבּ זַיינֶע גְרַייזְן; וַוייל בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז זֵייעֶר בַּאלִיבְּט דֶער וָואס לֶערְנְט תּוֹרָה אֲפִילוּ אָן פַארְשְׁטֵיין אוּן אֲפִילוּ מִיט גְרַייזְן, עַד כְּדֵי כַּךְ אַז אֲפִילוּ עֶר זָאגְט דָאס וָוארְט מִיט אַ פַארְקֶערְטֶע בַּאדֵייט - דָאךְ הָאט דָאס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער לִיבּ. (עֲצָתוֹ אֱמוּנָה סוּכּוֹת תשפ"ד)

אַ בְּרִיוו פוּנֶעם ראֹשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

# גֶעבְּט אַכְטוּנְג נִישְׁט זִיךְ פַּארְלִירְן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ אִסְרוּ חַג סוּכּוֹת, כ"ד תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרַט קָטָן

לִכְבוֹד מַיינֶע טַייעֶרֶע חֲבֵרִים, תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, ה' עֲלֵיהֶם יִחְיוּ

מִיר הָאבְּן גֶעהֶערְט דִי שְׁרֶעקְלִיכֶע שׁוידֶערְלִיכֶע נַייעֶס, אַז רוֹצְחִים אַרַאבֶּער זֶענֶען גֶעקוּמֶען אוּן גֶע'שָׁחְט'ן הוּנְדֶערְטֶער אִידְן הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ, אוּן גֶעפַּאנְגֶען אוּמְשׁוּלְדִיגֶע אִידְן, קִינְדֶער אוּן עֶלְטֶערֶע אִידְן; פוּן אֵיינְמִיטְן יוֹם טוֹב וֶוען דִי נַייעֶס אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּ אוּנְז - הָאבְּן מִיר נִישְׁט קֵיין מְנוּחָה.

מִיר דַארְפְן גֶעדֶענְקֶען וָואס דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה זָאגְט (תְּהִלִּים קכז, א): "אִם ה' לֹא יִשְׁמָר עִיר", אוֹיבּ דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הִיט נִישְׁט דֶעם שְׁטָאט, "שָׁוְא שָׁקַד שׁוֹמֵר", אִיז גָארְנִישְׁט וֶוערְד דִי הִיטֶערְס; דָאס זֶעט מֶען יֶעצְט, וֶוען זֵיי בַּארִימֶען זִיךְ מִיט זֵייעֶר מִילִיטֶער, מִיט זֵייעֶר קְלוּגְשַׁאפְט, מִיט כֹּחִי וְעוֹצֶם יָדִי, זָאל אַזוֹינְס פַּאסִירְן; עֶס זָאל אַרִיבֶּערְגֵיין צֶענְדְלִיגֶער שָׁעוֹת וָואס אַרַאבֶּער זָאלְן גֵיין פוּן הוֹיז צוּ הוֹיז אוּן אוֹיס'שְׁחְט'ן טַייעֶרֶע אִידִישֶׁע קִינְדֶער.

אַוַדַאי דַארְף מֶען זִיךְ הִיטְן פוּן דִי רוֹצְחִים, אוּן אַז עֶס אִיז אַ צַייט פוּן מִלְחָמָה - דַארְף מֶען טוּן וָואס מֶען קֶען זִיךְ צוּ הִיטְן, אָבֶּער זִיךְ נִישְׁט אֵיינְרֶעדְן קֵיין אֵיין רֶגַע אַז דִי שׁוֹמְרִים - זֵיי קֶענֶען הֶעלְפְן; נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, עֶר הֶעלְפְט אוּן עֶר וֶועט אוּנְז רַאטֶעוֶוען.

מִיר דַארְפְן זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיט אֱמוּנָה אוּן תְּפִלָּה. גֶעבְּט אַכְטוּנְג נִישְׁט זִיךְ פַּארְלִירְן, הִיט אוֹיף עֶנְקֶערֶע מִשְׁפָּחוֹת, זֶעט עֶס זָאל זַיין רוּאִיג אִין שְׁטוּבּ, דִי קִינְדֶער זָאלְן זַיין רוּאִיג. הֶערְט נִישְׁט דִי נַייעֶס, נָאר אַבִּיסְל וִויפִיל עֶס פֶעלְט אוֹיס צוּ וִויסְן, אָבֶּער נִישְׁט זִיצְן אוֹיף דִי נַייעֶס, וַוייל זֵיי וַוארְפְן פַּחַד אוּן אַ שְׁרֶעק.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף אִידִישֶׁע קִינְדֶער. מִיר דַאוֶונֶען פַאר אַלֶע וָואס זֶענֶען פַּארְוואוּנְדֶעט גֶעוָוארְן זָאלְן הָאבְּן אַ רְפוּאָה שְׁלֵמָה, אוּן אַלֶע גֶעפַאנְגֶענֶע וָואס זֶענֶען בַּיי דִי הֶענְט פוּן דִי רוֹצְחִים - זָאלְן בַּאפְרֵייט וֶוערְן.

דִּינְגְט נִגּוּנִים פוּן אֱמוּנָה דָאס וֶועט אַייךְ בַּארוּאִיגְן.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה בְּרֵאשִׁית תשפ"ד)

## דַאוֶוענֶען מִיט מִנְיָן

דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ דַארְף זִיךְ אַ אִיד פָּארְנֶעמֶען צוּ דַאוֶוענֶען יֶעדְן טָאג מִיט מִנְיָן אִין בֵּית הַמִּדְרָשׁ, מֶען זֶעהט אַז מֶענְטְשְׁן זֶענֶען מְזַלְזֵל אִין דֶעם, וִוי דִי גְמָרָא זָאגְט (בְּרָכוֹת ו:) אַז דַאוֶוענֶען אִיז גָאר אַ הוֹיכֶע זַאךְ אָבֶּער מֶענְטְשְׁן זֶענֶען מְזַלְזֵל אִין דֶעם, מֶען אִיז זִיךְ מוֹרֶה הֶיתֵּר צוּ דַאוֶוענֶען אִינְדֶערְהֵיים בְּיְחִידוּת, אוּן דוּרְךְ דֶעם פַּארְלִירְט מֶען דִי מִצְוָה פוּן תְּפִלָּה בְּצִיבּוּר, עֶנְטְפֶערְן אָמֵן, קְדוּשָׁה, בָּרְכוּ, אוּן קְרִיאַת הַתּוֹרָה, אוּן בֶּאֱמֶת אִיז שׁוֹין הַיינְט נִישְׁטָא קַיין תֵּירוּץ פַּארְוָואס נִישְׁט צוּ דַאוֶוענֶען מִיט מִנְיָן, וַוייל הַיינְט אִיז שׁוֹין דָא כִּמְעַט אוֹיף יֶעדֶע גַאס אַ בֵּית הַמִּדְרָשׁ, אוּן עֶס אִיז דָא מִנְיָנִים פוּן גָאר פְרִי בִּיז גָאר שְׁפֶּעט, אוּן מֶען קֶען שְׁטֶענְדִיג טְרֶעפְן אַ מִנְיָן צוּ דַאוֶוענֶען.

אָבֶּער דֶער יֵצֶר הָרַע הָאט לִיבּ צוּ צוּבְּרֶעכְן דֶעם מֶענְטְשׁ, "וָואס הָאסְטוּ צוּ גֵיין דַאוֶוענֶען? דוּ ווייסְט דָאךְ יָא וִוי אַזוֹי דוּ זֶעהסְט אוֹיס, דוּ בִּיזְט דָאךְ זֵייעֶר וַוייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דוּ בִּיזְט פִיל מִיט עֲבֵירוֹת, אוּן דָא קוּמְסְטוּ דַאוֶוענֶען אִין בֵּית הַמִּדְרָשׁ? דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דַארְף נִישְׁט אַזַא דַאוֶוענֶען", אָבֶּער דָאס אִיז נָאר דֶער שְׁלֶעכְטֶער יֵצֶר הָרַע וָואס פַּארְגִינְט נִישְׁט דֶעם מֶענְטְשׁ, וַוייל דֶער אֱמֶת אִיז פּוּנְקְט פַּארְקֶערְט, אוֹיבּ בִּין אִיךְ טַאקֶע אַזוֹי שְׁלֶעכְט, וֶועל אִיךְ כָאטְשׁ טוּהן וָואס אִיךְ קֶען יָא, אִיךְ וֶועל כָאטְשׁ דַאוֶוענֶען אִין שׁוּהל אוּן דָאס וֶועט מִיר הֶעלְפְן אַרוֹיסְצוּגֵיין פוּן אַלֶע אַנְדֶערֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען, וִוי דִי גְמָרָא זָאגְט (בְּרָכוֹת טז.) אַז דִי בָּתֵּי מִדְרָשִׁים זֶענֶען וִוי אַ מִקְוֶה וָואס רֵיינִיגְט אוּן הֵיילִיגְט דֶעם מֶענְטְשׁ, אַזוֹי אוֹיךְ דֶער בֵּית הַמִּדְרָשׁ הֵיילִיגְט אוּן רֵיינִיגְט דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן אַלֶע עֲבֵירוֹת, אוּן דֶערְפַאר אוֹיבּ בִּין אִיךְ פִיל מִיט עֲבֵירוֹת, וֶועל אִיךְ הֶערְשְׁט גֵיין אִין שׁוּהל דַאוֶוענֶען אוּן דָאס וֶועט מִיר הֶעלְפְן אַרוֹיסְצוּגֵיין פוּן מַיין שְׁלֶעכְט'ס.

## מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין

אוֹיךְ אִיז יֶעצְט אַ גוּטֶע צַייט זִיךְ פָּארְצוּנֶעמֶען צוּ מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין יֶעדֶע וָואךְ, מֶענְטְשְׁן זוּכְן אַלֶע מִינֵי סְגוּלוֹת פַאר אֲרִיכוּת יָמִים, אוּן דָא אִיז דָא אַ סְגוּלָה פוּן חַזַ"ל, וִוי דִי גְמָרָא זָאגְט (בְּרָכוֹת ח.) לְעוֹלָם יַשְׁלִים אָדָם פַּרְשִׁיּוֹתָיו עִם הַצִּיבּוּר שֶׁכָּל הַמַּשְׁלִים פַּרְשִׁיּוֹתָיו עִם הַצִּיבּוּר מַשְׁלִימִין לוֹ יָמָיו וּשְׁנוֹתָיו, זֶעהט מֶען אַ קְלָארֶע צוּזָאג פוּן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים אַז וֶוער עֶס וֶועט מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין, וֶועט לֶעבְּן לַאנְג.

אוּן דִי בֶּעסְטֶע זַאךְ אִיז וֶוען מֶען הֵייבְּט אָן מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין שׁוֹין פוּן זוּנְטָאג, אַזוֹי וִוי עֶס וֶוערְט גֶע'פְּסַק'נְט אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ (אוֹרַח חַיִּים סִי' רפ"ה סְעִיף ג') אַז מֶען קֶען שׁוֹין פוּן זוּנְטָאג אָנְהֵייבְּן מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין, אוּן דֶער מִשְׁנָה בְּרוּרָה בְּרֶענְגְט (שָׁם) אַז דֶער הֵיילִיגֶער גְרָ"א פְלֶעגְט זִיךְ אַזוֹי פִירְן, דָאס מֵיינְט אַז זוּנְטָאג אִיז מֶען מַעֲבִיר סֶדְרָה פוּן אָנְהֵייבּ סֶדְרָה בִּיז שֵׁנִי, מָאנְטָאג פוּן שֵׁנִי בִּיז שְׁלִישִׁי, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער בִּיז פְרֵייטָאג עֶנְדִיגְט מֶען דִי גַאנְצֶע סֶדְרָה.

כָאטְשׁ דֶער אֲרִ"י הַקָּדוֹשׁ זָאגְט אַז עֶס אִיז בֶּעסֶער צוּ מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין דִי גַאנְצֶע סֶדְרָה פְרֵייטָאג, דַארְף מֶען אָבֶּער קוּקְן אוֹיף דִי מְצִיאוּת, פַּאקְטִישׁ זֶעהט מֶען בַּיי רוֹב מֶענְטְשְׁן אַז מֶען קֶען נִישְׁט מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין פְרֵייטָאג, אוּן סְפֶּעצִיעֶל אִין דִי קוּרְצֶע ווינְטֶער פְרֵייטָאג'ס אִיז כִּמְעַט נִישְׁט מֶעגְלִיךְ צוּ מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין, אוּן אַזוֹי גֵייט דוּרְךְ אַ וָואךְ נָאךְ אַ וָואךְ אוּן מֶען אִיז נִישְׁט מַעֲבִיר סֶדְרָה, וַוייל מֶען וִויל עֶס נָאר טוּהן פְרֵייטָאג.

דֶערְפַאר קֶען מֶען זִיךְ בַּיי דֶעם פַארְלָאזְן אוֹיף דִי פָּשׁוּט'ע הֲלָכָה אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ, אַז מֶען קֶען שׁוֹין אָנְהֵייבְּן מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין פוּן זוּנְטָאג, אוּן אַזוֹי וֶועט מֶען אוֹיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ דִי אַלֶע גוּטֶע סְגוּלוֹת וָואס דָאס בְּרֶענְגְט מִיט זִיךְ.

## זָאגְן מִשְׁנַיוֹת

אוֹיךְ אִיז יֶעצְט דִי צַייט אִין "שַׁבָּת בְּרֵאשִׁית" אָנְהֵייבְּן אַ שִׁיעוּר אִין זָאגְן מִשְׁנַיוֹת, אַ יֶעדְן טָאג אַ פֶּרֶק אָדֶער צְווֵיי, יֶעדֶער אֵיינֶער וִויפִיל עֶר קֶען, אָנְהֵייבְּן פוּן אָנְהוֹיבּ מַסֶּכֶת בְּרָכוֹת אוּן אַזוֹי צוּבִּיסְלֶעךְ דוּרְכְגֵיין שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה בִּיז מַסֶּכֶת עוּקְצִין, אוּן אָנְהֵייבְּן נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל.

מִשְׁנַיוֹת הָאט אַ כֹּחַ אַז עֶס הֵיילִיגְט אוּן רֵיינִיגְט דֶעם מֶענְטְשׁ, אוּן דְרֵייט אִים אִיבֶּער צוּ וֶוערְן גוּט, מִשְׁנָה אִיז דִי אוֹתִיּוֹת נְשָׁמָה, עֶס רֵיינִיגְט דִי נְשָׁמָה, מִשְׁנָה אִיז דִי אוֹתִיּוֹת מְשַׁנֶּה, עֶס טוֹישְׁט דֶעם מֶענְטְשׁ צוּם גוּטְן, דֶער מֶדְרָשׁ זָאגְט (מוּבָא בְּמִדְרַשׁ תַּלְפִּיּוֹת) אַז אָשֵׁר בֶּן יַעֲקֹב זִיצְט בַּיים טִיר פוּן גֵּיהִינוֹם, אוּן וֶוער עֶס הָאט גֶעזָאגְט מִשְׁנַיוֹת לָאזְט עֶר נִישְׁט אַרַיין דָארְט, נָאר עֶר פִירְט אִים צוּ זִיךְ אִין גַן עֵדֶן, אוּן אַזוֹי זֶעהט מֶען אִין פָּסוּק (תְּהִלִּים ל') הֶעֱלִיתָ מִ'ן שְׁ'אוֹל נַ'פְשִׁי, אִיז רָאשֵׁי תֵּיבוֹת מִשְׁנָה, מִשְׁנַיוֹת נֶעמְט אַרוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן שְׁאוֹל תַּחְתִּית, דֶערְפַאר אִיז זֵייעֶר גוּט זִיךְ צוּ מַאכְן אַ שִׁיעוּר אִין מִשְׁנַיוֹת.

## גְמָרָא

אוֹיךְ דַארְף מֶען זִיךְ יֶעצְט פָּארְנֶעמֶען צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל גְמָרָא חֹק וְלֹא יַעֲבוֹר, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ לֶערְנְט גְמָרָא וֶוערְט עֶר אַרוּמְגֶענוּמֶען מִיט דִי פִיר גְרוֹיס מַלְאָכִים וָואס הִיטְן אִים פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְט'ס, וִוי עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין סֵפֶר הַחַיִּים (לְאָחִיו שֶׁל הַמַּהֲרַ"ל מִפְּרַאג זַ"ל) אַז גְמָרָא אִיז רָאשֵׁי תֵּיבוֹת גַ'בְרִיאֵל מִ'יכָאֵל רְ'פָאֵל אוּ'רִיאֵל.

וּבִפְרַט וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז זוֹכֶה צוּ לֶערְנֶען אַ בְּלַאט גְמָרָא יֶעדְן טָאג, דָאס גֶעבְּט אִים אַ צוּרָה פוּן אַ מֶענְטְשׁ, וִוי דֶער צַדִּיק רַבִּי שְׁלֹמֹה'קֶע זְווִילֶער זַ"ע פְלֶעגְט זָאגְן אַז וֶוער עֶס לֶערְנְט נִישְׁט אַ דַף גְמָרָא אַ טָאג הָאט אַ צוּרָה פוּן אַ בְּהֵמָה רַחֲמָנָא לִיצְלַן, דֶערְפַאר לֶערְנְט מֶען דֶעם שַׁבָּת אַ בְּלַאט גְמָרָא, אוּן דָאס וֶועט הֶעלְפְן אַז מֶען זָאל שׁוֹין אַ גַאנְץ יָאר לֶערְנֶען גְמָרָא.

## מֶדְרָשׁ

אוֹיךְ אִיז גוּט זִיךְ צוּ מַאכְן אַ שִׁיעוּר אִין מֶדְרָשׁ יֶעדְן טָאג, מֶדְרָשׁ רַבָּה אוּן מֶדְרָשׁ תַּנְחוּמָא, דִי מִדְרָשִׁים זֶענֶען דִי בֶּעסְטֶע מוּסָר סֵפֶר, אוּן עֶס אִין דֶעם בַּאהַאלְטְן גָאר אַסַאךְ סוֹדוֹת הַתּוֹרָה, אַזוֹי וִוי דֶער צַדִּיק רַבִּי אַהֲרֹן קַארְלִינֶער הָאט גֶעזָאגְט, אַז מָשִׁיחַ צִדְקֵנוּ וֶועט זָאגְן פְּשַׁט אִין מֶדְרָשׁ, וַוייל דֶער אֲרִ"י הַקָּדוֹשׁ הָאט מַסְבִּיר גֶעוֶוען דֶעם זֹהַר, אוּן דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָּדוֹשׁ מִיט זַיינֶע תַּלְמִידִים הָאבְּן מַסְבִּיר גֶעוֶוען דֶעם אֲרִ"י הַקָּדוֹשׁ, אָבֶּער אוֹיף מֶדְרָשׁ וֶועט מָשִׁיחַ זָאגְן פְּשַׁט, דֶערְפַאר אִיז אַ גוּטֶע זַאךְ זִיךְ צוּ מַאכְן אַ שִׁיעוּר אִין מֶדְרָשׁ, לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַ שְׁטִיקֶל בִּיז בְּמֶשֶׁךְ דִי צַייט עֶנְדִיגְט מֶען דֶעם גַאנְצְן מֶדְרָשׁ.

וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט דִי פִיר שִׁיעוּרִים אִין מִקְרָא, מִשְׁנָה, גְמָרָא, מֶדְרָשׁ, הָאט עֶר אַ גֶעשְׁמַאקֶע סְעוּדָה פַאר זַיין נְשָׁמָה, אוּן עֶר וֶועט בַּאקוּמֶען דִי בְּרָכוֹת וָואס יִצְחָק הָאט גֶעבֶּענְטְשְׁט יַעֲקֹב, וְיִתֵּן לְךָ הָאֱלֹקִים מִטַּל הַשָּׁמַיִם וּמִשְׁמַנֵּי הָאָרֶץ וְרֹב דָּגָן וְתִירֹשׁ, וָואס דֶער מֶדְרָשׁ זָאגְט אוֹיף דֶעם (בְּרֵאשִׁית רַבָּה ס"ו, ג) מִטַּל הַשָּׁמַיִם דָאס אִיז מִקְרָא, וּמִשְׁמַנֵּי הָאָרֶץ דָאס אִיז מִשְׁנָה, וְרֹב דָּגָן דָאס אִיז גְמָרָא, וְתִירֹשׁ דָאס אִיז מֶדְרָשׁ.

וֶוען אַ אִיד נֶעמְט זִיךְ אוּנְטֶער דִי לִימוּדִים אִין דֶעם שַׁבָּת וֶועט עֶר זִיכֶער הָאבְּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁטֶע יָאר, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אִים שִׁיקְן אַלֶע גוּטֶע הַשְׁפָּעוֹת בְּרוּחֲנִיּוֹת וּבְגַשְׁמִיּוּת אוֹיף אֵייבִּיג אָמֵן.

(תּוֹךְ הַנַּחַל שב"ק בַּבּוֹקֶר פ' בְּרֵאשִׁית תשס"ט לפ"ק)

אויך האט דער ראש ישיבה געזאגט אז דו שפירסט זיך טרוקן און קאלט ווי א הושענה, האסט נישט קיין געפיל, דאס ווייזט אונז די הושענות וואס זעט אויס ווי די ליפן, רעד קאלטע דיבורים, ווייל דער דיבור של אמת קען פונקט אזוי זיין קאלט.

אויך האט דער ראש ישיבה געבעטן אז מען זאל אריינטראכטן צי מען דארף טאקע דעם טעלעפאן אזוי וויכטיג, מען זאל בעטן דעם אויבערשטן, און מאכן א חשבון הנפש, "וואס טו איך מיטן טעלעפאן?".

ביי די לעצטע הושענות, ווען מ'דערמאנט די זכותים פון אלע צדיקים, האט דער ראש ישיבה גערעדט אז אויב וויל מען זיין א איד דארף מען געדענקען אז אן א צדיק קען מען דאס נישט באווייזן, א איד מוז האבן א צדיק וואס זאל אים מעורר זיין און מחזק זיין און אים צוקלעבן צום אייבערשטן, און נאר אזוי קען מען מצליח זיין.

נאכ'ן דאווענען איז דער עולם זיך צוגאנגען מיט גרויס התעוררות פון די געהויבענע תפילות און הושענות.

אלע שיעורים אין לויף פון חול המועד, קען מען הערן אויפ'ן "קול ברסלב" טעלעפאן ליין, די נומערן קען מען טרעפן ביים סוף פונעם גליון.

***

**שמיני עצרת און שמחת תורה**, די צווייטע טעג יום טוב, האט מען געטאנצן די הקפות מיט גרויס פרייד, מען האט זיך געפריידט מיט די הייליגע תורה, אז מען האט זוכה געווען די גאנצע יאר צו לערנען אסאך די הייליגע תורה, און אז עס קומט א פרישע יאר וואס מען וועט אנפילן מיט אסאך לימוד התורה און מיט מצות ומעשים טובים.

שב"ק שמיני עצרת ביי קידוש סיפורי מעשיות, האט דער ראש ישיבה געבעטן מען זאל לאזן די עלטער אידן זיצן אין פארענט. ווייל דרך ארץ איז די וויכטיגסטע זאך.

אויך האט דער ראש ישיבה גערעדט איבער די גרויסקייט פון די צייט פון די הקפות וואס מען קען דעמאלטס פועלן גרויסע זאכן אין הימל. דער ראש ישיבה האט געזאגט אז מען האט יעצט געבעטן פאר גשם וואס דאס מיינט פרנסה, זאגן חז"ל אז די שליסל פון פרנסה ליגט נאר אין הענט פון אויבערשטן. קאווערסט זיך נישט? בעט דעם אויבערשטן, בעט אים זאלסט קענען באצאלן די חבות. אויך האט דער ראש ישיבה גערעדט איבער נישט ספענדן קיין געלט פאר איבעריגע זאכן.

שמחת תורה אינדערפרי פארן דאווענען האט דער ראש ישיבה גערעדט איבער לצים וואס שפעטן און מאכן וויצן פון מצוות און פון אידישקייט, און אפילו זיי גייען מיט שטריימל בעקישע, דארף מען זיך זייער אכטונג געבן פון זיי.

שמחת תורה ביי די הקפה פון אברהם אבינו מדת החסד, האט דער ראש ישיבה גערעדט איבער דעם אז די גרעסטע חסד וואס מען קען טון מיט א איד איז אים מזכה זיין מיט א קונטרס, א גליון א קארטל, וואס וועט אים געבן לעבן.

ביי נעילת החג האט דער ראש ישיבה גערעדט זייער קורץ און געבעטן מען זאל מיטנעמען די אלע הייליגע טעג און עס איינקעשן און עס נוצן, מעביר סדרה זיין, לערנען גמרא, משניות, ועל כולם רעדן צום אויבערשטן.

דער הערליכער יום טוב האט איבערגעלאזט א שטארקע רושם אויף אנשי שלומינו וועלכע האבן געשעפט פרישע חיזוק והתעוררות צום נייעם יאר.

**שישו ושמחו בשמחת התורה!**

# דִי לַאנְגֶע ווִינְטֶער נֶעכְט

עֶס אִיז דָא זֵייעֶר אַ גוּטֶע סְגוּלָה פַאר אַלֶע וָואס קֶענֶען נִישְׁט אוֹיפְשְׁטֵיין צֵייטְלִיךְ, מוֹהֲרָא"ש זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה שְׁרַייבְּט דָאס כְּסֵדֶר אִין 'אֲשֶׁר בַּנַּחַל' פַאר בָּחוּרִים אוּן אִינְגֶעלַייט וָואס קֶענֶען נִישְׁט אוֹיפְשְׁטֵיין צַייטְלִיךְ, אוּן זֵיי שְׁלָאפְן אַרַיין בִּיז טִיף אִינְמִיטְן טָאג אַרַיין; דִי סְגוּלָה אִיז "גֵיין שְׁלָאפְן צַייטְלִיךְ". דִי סְגוּלָה קָאסְט נִישְׁט גֵיין גֶעלְט, דִי סְגוּלָה אִיז נִישְׁט עֶפֶּעס וָואס אִיךְ פַארְנַאר דִיר, אוּן דֶער סְגוּלָה אִיז בָּדוּק וּמְנוּסֶּה – אַז מֶען לֵייגְט זִיךְ שְׁלָאפְן צַייטְלִיךְ שְׁטֵייט מֶען אוֹיף צַייטְלִיךְ, אָבֶער אַז מֶען אִיז אוֹיף בִּיז שְׁפֶּעט אוֹיף דֶער נַאכְט שְׁטֵייט מֶען אוֹיף שְׁפֶּעט, דָאס אִיז זֵייעֶר פָּשׁוּט צוּ פַארְשְׁטֵיין.

גֶעווֶענְלִיךְ הָאבְּן בָּחוּרִים זֵייעֶר לִיבּ אוֹיף צוּ זַיין שְׁפֶּעט אוֹיף דֶער נַאכְט, מֶען פַארְבְּרֶענְגְט דִי צַייט, מֶען זִיצְט אוּן מֶען פְלוֹישְׁט שָׁעוֹת אוֹיף שָׁעוֹת מִיט דְבָרִים שֶׁל מַה בְּכַּךְ, נָאכְדֶעם גֵייט מֶען שְׁלָאפְן מִידֶערְהֵייט אָן קַיין קְרִיאַת שְׁמַע אוּן אָן קַיין נֶעגְל וַואסֶער, מֶען פַאלְט אַרַיין אִין בֶּעט אָן יִרְאַת שָׁמַיִם. דֶער יֵצֶר הָרַע אַרְבֶּעט זֵייעֶר שְׁטַארְק אַז מֶען זָאל הָאבְּן אַזַא פַארְדְרֵייטֶע סֵדֶר הַיּוֹם וַוייל אַזוֹי הָאט עֶר שׁוֹין נָאכְדֶעם צוּגְרוּנְד גֶעלֵייגְט דֶעם גַאנְצְן טָאג. אַ וואוֹילֶער בָּחוּר מַאכְט זִיךְ אַ סֵדֶר, עֶר גֵייט שְׁלָאפְן פְּרִי, אוּן עֶר לֵיינְט קְרִיאַת שְׁמַע פַאר עֶר לֵייגְט זִיךְ שְׁלָאפְן.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת ה.): "כָּל הַקּוֹרֵא קְרִיאַת שְׁמַע עַל מִטָּתוֹ – מַזִּיקִין בְּדֵילִין הֵימֶנּוּ", וֶוער עֶס לֵיינְט קְרִיאַת שְׁמַע פַאר עֶר לֵייגְט זִיךְ שְׁלָאפְן, גֵייעֶן אַלֶע מַזִּיקִים אַוֶועק פוּן אִים. נָאךְ זָאגְן חֲזַ"ל (בְּרָכוֹת ח:) אַז רָבָא הָאט גֶעזָאגְט פַאר זַיינֶע קִינְדֶער: "אַל תֵּשְׁבוּ עַל מִטַּת אֲרַמִּית", אִיר זָאלְט נִישְׁט שְׁלָאפְן אִין אַ גוֹי'שֶׁע בֶּעט, עֶס אִיז דָא אַפָּאר פְּשָׁטִים וָואס דָאס מֵיינְט, דֶער עֶרְשְׁטֶער פְּשַׁט אִיז "לֹא תִּגְנוּ בְּלֹא קְרִיאַת שְׁמַע", עֶר הָאט זֵיי גֶעזָאגְט זֵיי זָאלְן נִישְׁט גֵיין שְׁלָאפְן אָן קְרִיאַת שְׁמַע; זֶעט מֶען פוּן דֶעם ווִי חָשׁוּב עֶס אִיז וֶוען מֶען לֵיינְט קְרִיאַת שְׁמַע פַאר מֶען לֵייגְט זִיךְ שְׁלָאפְן.

אַן עֶרְלִיכֶער בָּחוּר גְרֵייט עֶר זִיךְ אָן נֶעגְל וַואסֶער, וָואס דָאס אִיז אַן עִיקָר אִין קְדוּשָּׁה, אוּן וֶוער עֶס ווִיל זַיין הֵיילִיג אוּן רֵיין דַארְף זֵייעֶר מַקְפִּיד זַיין אוֹיף נֶעגְל וַואסֶער, נִישְׁט אַרָאפּ צוּ גֵיין פוּן בֶּעט אָן דֶעם וָואס מֶען גִיסְט זִיךְ אָפּ נֶעגְל וַואסֶער. אוּן אַז מֶען לֵייגְט זִיךְ שְׁלָאפְן ווִי אַן עֶרְלִיכֶער אִיד שְׁטֵייט מֶען אוֹיף ווִי אַן עֶרְלִיכֶער אִיד. דָאס אִיז דִי בֶּעסְטֶע סְגֻלָּה וָואס אִיךְ קֶען דִיר גֶעבְּן אוֹיפְצוּשְׁטֵיין צַייטְלִיךְ.

וֶועסְטוּ מִיר אַוַדַאי צוּרִיק שְׁרַייבְּן אַ בְּרִיוו אַז דוּ דַארְפְסְט אַן עֵצָה צוּ גֵיין שְׁלָאפְן פְּרִי, אַ עֵצָה נִישְׁט צוּ בַּטְלְ'נֶען קַיין צַייט, אַ עֵצָה נִישְׁט צוּ פַארְבְּרֶענֶען דִי נֶעכְט; דִי עֵצָה אוֹיף דֶעם אִיז, צוּ בֶּעטְן אַסַאךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דֶעם. מֵיין נִישְׁט אַז אוֹיף אַזֶעלְכֶע קְלֵיינִיקֵייטְן דַארְף מֶען נִישְׁט דַאוֶוענֶען אוּן בֶּעטְן, דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת, אוֹת תְּפִלָּה, סִימָן לז): "עַל כָּל הַדְּבָרִים, הֵן עַל דָּבָר גָּדוֹל הֵן עַל דָּבָר קָטָן, תִּתְפַּלֵּל", אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ, סֵיי אוֹיף אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ סֵיי אוֹיף אַ קְלֵיינֶע זַאךְ, זָאלְסְטוּ מִתְפַּלֵּל זַיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; דוּ קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט פָאְרשְׁטֶעלְן וָואס תְּפִלָּה אִיז, אוּן ווִי שְׁטַארְק תְּפִלָּה אִיז, בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדְן טָאג: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל מִיר לֵייגְן צַייטְלִיךְ יֶעדֶע נַאכְט, אִיךְ זָאל לֵיינֶען קְרִיאַת שְׁמַע פַאר אִיךְ גֵיי שְׁלָאפְן, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל מִיךְ אָנְגְרֵייטְן נֶעגְל וַואסֶער, אַזוֹי וֶועל אִיךְ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אוּן אִיךְ וֶועל קֶענֶען אוֹיפְשְׁטֵיין צַייטְלִיךְ, אוּן גֵיין דַאוֶוענֶען אִין שׁוּל מִיט מִנְיָן. הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, יֶעדֶע נַאכְט וֶוער אִיךְ אַזוֹי פוֹיל, אִיךְ דְרֵיי מִיר אַהֶער אוּן אַהִין, אִיךְ פַארְבְּרֶען דִי נַאכְט מִיט נַארִישְׁקֵייטְן, נָאכְדֶעם פַאל אִיךְ אַרַיין אִין בֶּעט אָן קְרִיאַת שְׁמַע אוּן אָן נֶעגְל וַואסֶער, הֶעלְף מִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיךְ זָאל מִיךְ קֶענֶען צַאמְנֶעמֶען צוּ גֵיין שְׁלָאפְן צַייטְלִיךְ, מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם", אוֹיבּ דוּ וֶועסְט בֶּעטְן יֶעדְן טָאג דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועסְטוּ זֶען אַז דוּ וֶועסְט אָנְהֵייבְּן צוּ לֶעבְּן מִיט יִשּׁוּב הַדַּעַת, דוּ וֶועסְט אוֹיסְנוּצְן דִי צַייט, אוּן גֵיין שְׁלָאפְן פְּרִי אוּן אוֹיפְשְׁטֵיין פְּרִי.

וְעַל כּוּלָּם זֶע צוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג אַפָּאר פְּרָקִים מִשְׁנַיּוֹת, וַוייל מִשְׁנַיּוֹת רֵיינִיגְט דֶעם מֶענְטְשׁ, "מִשְׁנָה" אִיז דִי אוֹתִיּוֹת "נְשָׁמָה"; ווִי מֶער אַ מֶענְטְשׁ זָאגְט מִשְׁנַיּוֹת אִיז עֶר זִיךְ מְשַׁנֶּה אִינְגַאנְצְן. מִשְׁנַיּוֹת שְׁלֶעפְּט אַרוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן דִי טִיפְסְטֶע בְּלָאטֶע, מִשְׁנָה אִיז דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת פוּן (תְּהִלִּים ל, ד): "הֶ'עֱלִיתָ מִ'ן שְׁ'אוֹל נַ'פְשִׁי", אַז מֶען זָאגְט מִשְׁנַיּוֹת נֶעמְט עֶס אַרוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען וואוּ דֶער מֶענְטְשׁ אִיז נֶעבֶּעךְ אַרַיין גֶעפַאלְן.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה וְזֹאת הַבְּרָכָה תשע"ח)

BreslevCenter.com\answers

## מוסדות היכל הקודש ברסלב

נתייסדה ע"י כ"ק מוהרא"ש זי"ע

# סימן טוב ומזל טוב

**אין נאמען פון די פילע טויזנטער אידן איבער די וועלט וועלכע שעפן חיזוק און התעוררות פון די חיזוק שיעורים און בריוו, וואונטשן מיר א הארציגן ברכת מזל טוב פאר'ן**

# ראש ישיבה שליט"א

**צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן דער ראש ישיבה שליט"א זאל זען פיל אידיש נחת פון דעם קינד פון אלע קינדער און אייניקלעך געזונטערהייט. און ווייטער קענען ממשיך זיין מיט די עבודת הקודש צו מחזק זיין אידישע קינדער איבער די גאנצע וועלט, אריינברענגען די עצות פון הייליגן רבי'ן אין אידישע קינדער, אזוי ווי מוהרא"ש האט אונז געלערנט, מיט בני ברוכי חיי אריכי ומזוני רויחי וסייעתא דשמיא

## סימן טוב ומזל טוב

החתן **נפתלי הערש פארקאש** הי"ו
בן מו"ה **יואל פארקאש** שליט"א
גבאי ביהמ"ד היכל הקודש ברסלב קרית יואל
צו זיין שידוך שליסן למזל טוב עב"ג
בת מו"ה **אהרן וועבערמאן** שליט"א

***

החתן **מרדכי ראזענבערגער** הי"ו
מו"ה **אהרן ראזענבערגער** הי"ו
צו זיין שמחת החתונה למזל טוב עב"ג
בת מו"ה **שמחה יאקאבאוויטש** הי"ו

***

החתן **משה נחום בערגער** הי"ו
צו זיין שידוך שליסן למזל טוב עב"ג
בת מו"ה **אהרן מייער** שליט"א

***

מו"ה **בערל לעווי** הי"ו
גבאי ביהמ"ד היכל הקודש בלאמינגראוו
צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב

***

מו"ה **משה אהרן שפילמאן** הי"ו
צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב

***

מו"ה **נתן גולד** הי"ו
צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב

***

מו"ה **יצחק אהרן וויינבערג** הי"ו
צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב

***

מו"ה **דודי פוקס** הי"ו
צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב

***

מו"ה **משה הערשטיק** הי"ו
צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב

***

מו"ה **יואליש קרויס** הי"ו
צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב

## נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק'

# הערליכע יום טוב סוכות ביי אנשי שלומינו

גאר א שיינער יום טוב איז אריבער אויף אנשי שלומינו דעם סוכות, ווען מיר האבן געשעפט פרישע כוחות און חיזוק פונעם יום טוב, וואס דאס וועט אונז באגלייטן אויפ'ן גאנצן יאר.

**די ערשטע טעג יום טוב** זענען אריבער מיט גאר געהויבנקייט און געשמאק מיט'ן ראש ישיבה שליט"א אין וויליאמסבורג, שב"ק איז פארגעקומען די קידוש פאר די טאכטער פון ראש ישיבה שליט"א, דער ראש ישיבה האט א נאמען געגעבן מלכה. פילע אנשי שלומינו זענען געקומען זיך משתתף זיין און אנוויטשן דעם ראש ישיבה שליט"א.

***

**מאנטאג נאכט חול המועד** איז פארגעקומען די סעודת הילולא צו די יארצייט פון הייליגן רבי'ן. די סעודה איז פארגעקומען אין די גרויסע סוכה אין הויף פון בית המדרש אין וויליאמסבורג, א ברייטע סעודה איז צוגעשטעלט געווארן, און אנשי שלומינו זענען געקומען צו פארן פון איבעראל מיטצוהאלטן די יארצייט סעודה, ביי די סעודה האט מען געזינגען דעם "שיר ידידות" פון הרה"ח רבי יצחק ברייטער ז"ל, וואו עס ווערט ארויסגעברענגט די גרויסקייט פון הייליגן רבי'ן, און וואס מיר באקומען אלץ פון אים. דערנאך האט דער ראש ישיבה שליט"א גערעדט דברות קודש איבער די געוואלדיגע מתנות וואס דער רבי האט איבערגעלאזט אזא אור וואס וועט בלייבן ביז משיח וועט קומען, יעדע וואס זענען מחזק אידישע קינדער נעמען עס אפענערהייט אדער באהאלטענערהייט פונעם רבי'ן.

מוהרא"ש פלעגט אלץ זאגן אז ברסלב'ע חסידות איז תלוי וויפיל מען לערנט דעם הייליגן רבינס ספרים, וואס דער רבי זאגט אז עס וועט עפענען אלע אדערן. ער וועט באקומען אמונה און צוריק קומען צום אייבערשטן.

דער ראש ישיבה האט שטארק מאריך געווען איבער די זאך פון תפלה וואס מיט דעם קען מען אלעס פועלן ביים אויבערשטן, זאג א ווארט צוויי ווערטער, וועסטו מיט געדולד אנקומען צו די גרעסטע מדרגית און קענען אויספירן אלע דיינע קבלות.

נאך די סעודה האט מען זיך ארויסגעלאזט אין פרייליכע טענץ און זיך געפריידט בשמחת בית השואבה.

***

**דאנערשטאג נאכט, ליל הושענה רבה,** האט מען גלייך נאך מעריב געליינט משנה תורה, און דערנאך איז פארגעקומען א סעודה אין די סוכה נעבן בית המדרש אין וויליאמסבורג. ביי די סעודה האט מען געזינגען אינאיינעם ווארעמע ניגוני התעוררות, און דערנאך האט דער ראש ישיבה גערעדט עטליכע דיבורים איבער די גרויסקייט פון הושענה רבה, מ'קען קיינמאל נישט וויסן וואס מ'קען אויפטון מיט איין קאפיטל תהלים, מיט איין ווארט צום אייבערשטן, ער האט מעורר געווען אז מ'זאל אויסנוצן דעם הייליגן טאג, ווען מ'דערמאנט זיך זאל מען בעטן נאך א תפלה צום אייבערשטן אז עס זאל קומען א זיס ליכטיג יאר, מ'זאל אונז ארויסשיקן נאר גוטע קוויטלעך פון הימל.

דערנאך איז מען אריין אין בית המדרש וואו מ'האט אויסגעזאגט תהלים און זיך אויסגעבעטן א גוט געבענטשט יאר.

***

אויף די **צווייטע טעג יום טוב** זענען אריינגעקומען פילע אנשי שלומינו אויף וויליאמסבורג מיטצוהאלטן די געהויבענע טעג פון יום טוב צווישן אנשי שלומינו.

**הושענה רבה** איז געווען א גרויסע התעוררות ביי די הושענות, דער ראש ישיבה שליט"א האט מעורר געווען און מחזק געווען אנשי שלומינו אויף פארשידענע ענינים. צווישן די פילע זאכן האט דער ראש ישיבה אויך ארויסגעברענגט די גרויסקייט פון רעדן צום אייבערשטן, אפילו ווען מ'קען זיך נישט אויסשמועסן דאס גאנצע הארץ מיט'ן אייבערשטן, זאל מען אבער שרייען צום אייבערשטן, "הושענה - העלף מיר", מ'זאגט איבער נאכאמאל און נאכאמאל הושענה און הושענה, אזוי דארף מען איבערזאגן טויזנט מאל פאר'ן אייבערשטן, "העלף מיר, העלף מיר, העלף מיר".

## דרשות הושענא רבה

**ווארעמט אייך אן צום קאלטן ווינטער מיט די תפלות, הושענות, און דרשות, פון הושענא רבה ביים ראש ישיבה שליט"א**

**קול ברסלב**

**212-444-9191**

**1, 2, 1, 10, 1, 3**

## חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, "עצתו אמונה", דרשות, ניגונים, סידי'ס, USB'ס, SD'ס, און נאך; דעליווערט צו אייער טיר!**

רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו

**347-509-4908**

**און מיר וועלן פרובירן בעז"ה עס צו שיקן צו אייך אהיים**

**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה; און נאך**
845-351-0910 / 212-444-9191
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 438-300-8080
בעלגיע 3235003461 / ארגענטינא 1152354370
צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

**קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעספפיס; און נאך**
845-351-9060 /212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090
בעלגיע 3235003462 / ארגענטינא 1152354380
חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com/** טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**

< BreslevCenter.com >